בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קס"ב

יו"ל: כ"ג מנחם אב ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

דערווייל זאג איך דאך תורה

זעהן 'זיך' מיט'ן צדיק

דער עיקר איז - 'לב נשבר ונדכה'!

איך שייך חילוק בין אחד לחברו?!

אָן קיין גרעניצן

די עבודה פון דעם רבי'ן ר' אלימלך זצוק"ל

רעדן צו די גלידער

ההתבודדות של ראבר"ן

אריינשפרינגען אין גן־עדן

דיין טלית איז צו ניי'...

גודל היראה אצל רבינו בראש השנה

נסיעת מוהרנ"ת עם הרב מבארדיטשוב

אויף ווען ווארט מען?

ווי נעמט מען דעם 'כי לדברך יחלתי'?!

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו־כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על־ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה"ק: 02.560.7387**
**ארה"ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:**
**‎#2.1.2.1.1   ואח"כ #162**

# שיחת חיזוק

פרשת יתרו שנת תשל"ח

(טייפ מס' 307#)

## דערווייל זאג איך דאך תורה

(לומד ליקוטי מוהר"ן תניינא סימן ע"ב) תורה "חיים נצחיים". דעם שבת פרשת יתרו (בעת אמירת התורה) איז געווען ביים רבי'ן א צדיק א 'מפורסם גדול', עס שטייט נישט ווער[א].

[(ר' מאיר קארליבאך: ווער איז עס געווען - רבי מאטעלע טשערנאבלער, דער בעל התניא?) מען ווייסט נישט; אז דער 'בעל התניא' - איז קיין שום דיעה נישטא[ב]; אז רבי מאטעלע - האט מען יא געזאגט; אבער א זאך וואס איך ווייס נישט זאג איך נישט.

גיכער איז דער שכל מחייב אז עס איז געווען רבי מאטעלע; אבער דער 'בעל התניא' איז קיינמאל נישט געווען ביים רבי'ן אויף שבת, ער איז געווען אינדערוואכן ביים רבי'ן בשעת ער איז געפארן צום רבי'ן ר' ברוכ'ל, אבער נישט אויף שבת].

(קורא מספר "פרפראות לחכמה":) "מאמר 'חיים נצחיים' וכו' נאמר בשבת פרשת יתרו, (ונראה שזה היה בשנת תק"ע), ווען עס איז געקומען צו אים אויף שבת קודש, צדיק אחד מפורסם גדול, און דער רבי האט דעמאלט נישט געזאגט קיין שום תורה בליל שבת קודש און נישט ביום שבת קודש. נאך סעודת שחרית של שבת, ווען מען האט שוין געהאט געבענטשט ברכת המזון, איז דער רבי נאך געבליבן זיצן על מקומו, און דער צדיק הנ"ל איז אויך געבליבן 'יושב לפניו'.

---

[א] חיי מוהר"ן אות מ"ח.

[ב] וכן מפורש בכתבי חב"ד שאת שבת קודש פרשת יתרו תק"ע עשה הבעל התניא בעיר ראהטשאוו (במזרח בלארוס, מרחק של למעלה מ-500 ק"מ! מעיר ברסלב שבאוקראינה, באידיש נקראת: ראָגאַטשאָוו), ואמר תורה על פסוק 'ששים המה מלכות' (מאמרי אדה"ז תק"ע עמ' א, ובעמ' רפה). בספר 'אגרות קודש' לאדמו"ר הזקן (עמ' שסח) גם מופיע תמונת כתב יד-קדשו שכתב בעיר זו למחרת השבת, ביום א' כג שבט תק"ע.

**"בתוך כך ענה רבינו ז"ל ואמר: "אז מען זעהט זיך מיטן צדיק, אפילו אז מען הערט נישט קיין תורה מפיו, איז אויך זייער גוט!".**

**"האט דער רבי אנגעהויבן דער תורה.**

**"האט דער רבי זיך אנגערופן: "דערווייל זאג איך דאך תורה!".**

❖

## זעהן 'זיך' מיט'ן צדיק

**"דע, שלראות את עצמו עם הצדיק האמת הוא גם־כן דבר גדול מאוד".**

**רבי משה ברסלב'ער פלעגט זאגן: "דער רבי זאגט: 'לראות את עצמו עם הצדיק האמת' - מען זאל זיך זעהן מיטן צדיק!**

(דער רבי וואלט געקענט זאגן) **'לראות את הצדיק איז אויך א דבר גדול מאוד'; וואס איז דאס לשון 'לראות את עצמו עם הצדיק'? נאר, 'מען זאל זיך זעהן' מיטן צדיק; ווען מען זעהט דעם צדיק, זאל מען ארויסזעהן זיך[ג], אט דאס איז אויך א 'דבר גדול מאוד'.**

**"בוודאי כשזוכה לשמוע מפיו תורה איז א מעלה יתירה, אבל גם כשאין שומעין תורה, הראיה לבד שזוכין לראות את עצמו עם הצדיק, הוא גם כן טוב מאד".**

## דער עיקר איז - 'לב נשבר ונדכה'!

**"כי על ידי שרואין את עצמו עם הצדיק, על ידי זה מקבלין גדולה. ועיקר הגדולה היא שפלות. כמו שמצינו אצל השם יתברך: 'כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקדוש ברוך הוא, שם אתה מוצא ענוותנותו'** (מגילה ל"א)**".**

---

[ג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז: כְּשֶׁזֶּה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַיֹּפִי שֶׁל כָּל הָעוֹלָם, נִתְפַּרְסֵם וְנִתְגַּדֵּל בָּעוֹלָם, אֲזַי נִפְתָּחִין הָעֵינַיִם שֶׁל הָעוֹלָם. שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּכְלָל בְּזֶה הַחֵן הָאֱמֶת שֶׁל זֶה הַצַּדִּיק, שֶׁהוּא הַחֵן וְהַיֹּפִי שֶׁל הָעוֹלָם, דְּהַיְנוּ שֶׁמִּתְקָרֵב אֵלָיו וְנִכְלָל בּוֹ, נִפְתָּחִין עֵינָיו וְיָכוֹל לִרְאוֹת, **וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ** ... אֵיךְ הוּא אוֹחֵז בְּכָל הַמִּדּוֹת.

לכאורה, וואס איז די רַאיה פון דארטן? דער רבי וויל דאך דא זאגן אז דער וואס זעהט זיך מיטן צדיק, דער איז מקבל 'שפלות; וואס איז די רַאיה דארטן פון 'כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה, שם אתה מוצא ענוותנותו'?

דער רבי ברענגט אין א תורה[ד], פארוואס טאקע איז אזוי אז דארטן וואו עס איז דעם אויבערשטנ'ס 'גדלות' דארט זעהט מען זיין 'עניוות'? ווארום מען קען נישט מקבל זיין 'גדולתו' נאר דורך 'ענוותנותו'; אז דער אויבערשטער לאזט זיך אראפ און ער איז זיך מלביש, דעמאלט קען מען פון אים מקבל זיין.

דארטן וואו עס איז 'גדולתו של הקב"ה', מוז דארטן זיין 'ענוותנותו'; אויב נישט - עס וועט נאר זיין 'גדולתו' אליין, קען מען גארנישט מקבל זיין.

דאס אייגענע ביים צדיק אויך; דער צדיק איז זיך מלביש און לאזט זיך אראפ, ער פארט צו יענעם[ה], ער איז זיך מכניע, דעמאלט קען מען פון אים מקבל זיין. ווען נישט דער 'ענוותנותו', קען מען נישט מקבל זיין פון אים. דער 'אור' איז אזוי גרויס, מען קען נישט מקבל זיין פון אים, מוז מען האבן 'ענוותנותו'.

דער רבי זאגט: "דער עיקר 'גדולה' איז 'שפלות'".

"ועיקר התחיה לעתיד שיעמדו בתחיה ויחיו חיים נצחיים', עיקר מה שיהיה נחיה ויקום בתחיה, הוא השפלות של כל אחד".

לעתיד וועט זיין די 'תחיה'; דער עיקר 'תחיה' וועט זיין דאס 'שפלות'. דער גוף וועט ווערן לעבעדיג ווען עס וועט זיין די 'תחיה'; וואס וועט ווערן לעבעדיג? איז דאך נאר זיין 'רוחניות' וואס ער האט ארויסגעכאפט, דאס וועט ווערן לעבעדיג; די נארישע תאוות וואס ער האט אפגעלעבט אזויפיל יארן וועט ווערן לעבעדיג?!

---

[ד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ל"ח, וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת (מְגִלָּה לא): 'בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ, שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ' שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁיֵּשׁ גַּדְלוּת בְּיוֹתֵר, שָׁם צָרִיךְ עֲנָוָה וְקַטְנוּת, כְּדֵי שֶׁיּוּכְלוּ לְקַבֵּל הָאוֹר כַּנַּ"ל; עיין עוד סי' רי"ט.

[ה] עיין בתורה הנ"ל מש"ש רבינו: לִפְעָמִים אוֹרוֹ שֶׁל הַגָּדוֹל הוּא גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַקָּטָן לְקַבֵּל מִן הַגָּדוֹל בִּמְקוֹמוֹ מֵחֲמַת רִבּוּי הָאוֹר הַגָּדוֹל מְאֹד, עַל כֵּן מֻכְרָח הַגָּדוֹל לְהוֹרִיד וּלְהַכְנִיעַ עַצְמוֹ אֵצֶל הַקָּטָן וְלֵילֵךְ אַחֲרָיו, כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִתְמַעֵט וְיִתְגַּשֵּׁם הָאוֹר קְצָת, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל הַקָּטָן לְקַבְּלוֹ.

נאר וואס ער האט ארויסגעכאפט ביים לעבן, ווי ער איז געווען ביי זיך מער בשפלות, וועט ער האבן א שענערע 'תחיה'; דאס וועט זיין די 'תחיה'.

(השואל: פארוואס עפעס פונקט די שפלות? א מענטש טוהט דאך אסאך זאכן, תורה, מצוות!?) אלץ וואס ער טוהט, יעדער מענטש טוהט אזויפיל, ביי וואספארא מדריגה אין שפלות ער שטייט, אט דאס איז דער שלימות פון אלעם; די שלימות פון תפילה, די שלימות פון תורה, די שלימות פון מצוות, איז, ביי וואספארא שפלות שטייט ער.

רבי נתן האט געזאגט: "איך וועל זאגן א פירוש אויף דעם שווערסטן מהר"ם שי"ף, און אויף קיין מענטשן - נישט; ווייל דער עיקר איז 'לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה', [און ווער קען וויסן ווער עס האט דעם אמת'ן 'לב נשבר'? נאר דער אויבערשטער אליין!?"[ו]].

דער עיקר מענטש איז נאר די 'שפלות'; אין יעדער עבודה דארף מען די 'שפלות', אט דאס איז דאס גאנצער חיות פון דער זאך. קומט אויס, דער גאנצער שלימות פון דעם מענטש איז דאס 'שפלות'.

לעתיד, וואס דער מענטש איז געווען אין דעם עולם מער 'שפל', וועט זיין פון אים א שענערע 'תחיה'. כאטש די 'תחיה' וועט דאך זיין נאכן 'זיכוך' שוין טויזנטער יארן, 'דורות', פונדעסטוועגן, וואס ער איז געווען ביים לעבן מער 'שפל', וועט זיין פון אים א שענערע 'תחיה'.

וואס וועט ווערן לעבעדיג? וואס וועט זיין די 'תחיה'? דער פראסטער מגושם'דיגער גוף?! איז דאך נאר די 'רוחניות', דאס ('דביקות) אלקות' וואס ער האט ארויסגעכאפט אין דער וועלט, און דער עיקר - דאס שפלות, דאס וועט זיין דער עיקר 'תחיה'.

---

[ו] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' א' מש"ש רביז"ל, מי הוא זה שיכול לדון ולדעת מקומו של חבירו, עיי"ש; גם עיין שיחות הר"ן אות י"ד שאיש כשר הוא ענין אחר לגמרי אע"פ שהולך עם דקין וכרכשות ואיברים כשאר כל העולם, עיי"ש.

איצטער איז אויך דאס אייגענע, וואס דער מענטש איז מער 'שפל', לעבט ער מערער', איז ער מער נעגטער צום אויבערשטן. דארף מען טאקע זייער אסאך בעטן דערויף דעם אויבערשטן, און נאר זיך ציהען דערצו, דאס איז דאס עיקר חיות.

דאס איז דער עיקר טאג; דער עיקר עבודה וואס ער טוהט עפעס, ער דאווענט, ער לערנט - אז עס ליגט דארטן שפלות, לעבט עס. דאס איז דער עיקר זאך און די חיות פון יעדן טאג, די שפלות וואס איך כאפ ארויס דעם טאג, אט דאס האט מען.

## איך שייך חילוק בין אחד לחברו?!

"כי השפלות של כל אחד ואחד יהיה נחיה לעתיד ויקום בתחיה, בבחינת (ישעיה כ"ו): 'הקיצו ורננו שוכני עפר'". 'הקיצו ורננו' איז א לשון 'חיות', א 'שמחה'. "ודרשו רז"ל (סוטה ה') 'מי שנעשה שכן לעפר בחייו'".

כאטש - ווען וועט דאס זיין? שוין נאכן 'זיכוך', ווען יעדער איינער איז שוין 'מזוכך', שוין טויזנטער יארן פון דער מיתה ביז דער תחיה, ווען יעדער איינער וועט דאך שוין נכלל ווערן אינעם אויבערשטן; פונדעסטוועגן וועט די 'תחיה' נישט זיין גליך ביי יעדן איינעם[ח].

אויך אין תורה נ"א זאגט דער רבי אז מען קען דאס נישט פארשטיין; ער וועט טאקע ווערן מזוכך פון זיין גשמיות, פון זיין זוהמא, אבער דאס וואס ער האט ארויסגעכאפט, דאס וועט זיין א חילוק פון איינעם ביזן צווייטן.

---

[ז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א בסופו: חַיִּים נִצְחִיִּים הֵם רַק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי הוּא חַי לָנֶצַח. וּמִי שֶׁנִּכְלָל בְּשָׁרְשׁוֹ, דְּהַיְנוּ בּוֹ יִתְבָּרַךְ, הוּא גַּם כֵּן חַי לָנֶצַח, כִּי מֵאַחַר שֶׁהוּא נִכְלָל בְּאֶחָד וְהוּא אֶחָד עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא חַי חַיִּים נִצְחִיִּים כְּמוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[ח] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' כ"א, אות י"א: וְכַמּוּבָא פֵּרוּשׁ הַפָּסוּק: "כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים", כִּי בְּהַשֵּׂכֶל הַמְשֻׁתָּף יִהְיוּ כֻּלָּם שָׁוִים, שֶׁהַכֹּל יֵדְעוּ אֶת ה', אֲפִלּוּ עַכּוּ"ם, אַךְ בְּעַמְקוּת הַחָכְמָה יִהְיֶה כָּל אֶחָד לְפִי מַדְרֵגָתוֹ, כַּמַּיִם הַמְכַסִּים לַיָּם, שֶׁלְּמַעְלָה הַמַּיִם שָׁוִים בְּכָל מָקוֹם, אַךְ בְּעַמְקוּת הֵם מֻבְדָּלִים מְאֹד, כִּי בְּזֶה הַמָּקוֹם הַמַּיִם נְמוּכִים וּסְמוּכִים לָאָרֶץ, וּבְמָקוֹם אַחֵר עֲמֻקִּים יוֹתֵר וְיוֹתֵר, וּבְמָקוֹם אַחֵר הֵם עֲמֻקִּים עַד הַתְּהוֹם כֵּן יִהְיֶה בְּהַשָּׂגַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֶעָתִיד.

ער וועט טאקע ווערן מזוכך פון דער זוהמא פון דעם עולם, פון די גשמיות פון די תאוות, אבער דאס רוחניות וואס ער האט ארויסגעכאפט קען מען נישט צוגלייכן איינעם צום צווייטן - אפילו נאכן 'זיכוך'.

(קורא תורה נ"א בפנים:) "כי בוודאי גם בהסוף האחרון, לא יהיו כולם שווים, ומאחר שיהיה כולו אחד, איך שייך חילוק בין אחד לחברו לפי מדרגתו? אך יש בזה סוד שאי אפשר להבינו, והדברים עתיקים". ביים 'סוף האחרון' וועלן אויך נישט אלע זיין גלייך, כאטש דעמאלט וועט שוין יעדער איינער זיין מזוכך.

דא זאגט אויך דער רבי, דער עיקר 'תחיה' וועט זיין די 'שפלות'; וואס מער 'שפל' בחייו, וועט זיין א שענערע 'תחיה'.

מיר ווייסן נישט וואס עס הייסט 'תחיה', אבער עס וועט דאך זיין א 'תחיה'; וואס דער מענטש האט ארויסגעכאפט (ביים לעבן) מער 'לב נשבר', מער 'שפלות', וועט ער האבן א שענערע 'תחיה', עס וועט זיין מער וואס עס זאל ווערן לעבעדיג.

## אָן קיין גרעניצן

זאגט דער רבי: "כי תענוג עולם־הבא אי אפשר לנו להשיג עכשיו. וזה מחמת שאנו עכשיו בגבול, וכל דבר שיש לו גבול אי אפשר לו להשיג תענוג עולם־הבא הרוחני", דאס איז דאך אָן א 'גבול'.

אז א מענטש ליגט אין 'גבול', קען ער נישט משיג זיין זאכן וואס איז 'בלתי גבול'. "ועל כן גם עונג שבת שהוא מעין עולם־הבא, אמרו רז"ל (שבת קיח): 'כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים', היינו בלי גבול".

טאקע 'כל המענג את השבת'; וואס הייסט 'ער איז מענג דעם שבת'? מיט וואס איז ער 'מענג דעם שבת'? דער "סידורו של שבת"[ט] - דער "באר מים חיים" ברענגט טאקע, וואס איז דאס לשון 'ער איז מענג דעם שבת'? ער איז דאך זיך מענג!? נאר, וואס דער

---

[ט] חלק שני דרוש הראשון, עיי"ש.

מענטש איז מער מענג דעם שבת, ער גיט דעם שבת אליין א תענוג, ממילא צאָלט אים דער שבת אפ, ער גיט אים א 'נחלה בלי מצרים'.

און מיט וואס גיט ער א תענוג דעם שבת? מיט דעם וואס ער איז מענג זיך אום שבת, ער ווייסט אז שבת איז אַן אנדער טאג, שבת איז אַן אנדער דאווענען, דערמיט איז ער מענג דעם שבת, ממילא גיט אים דער שבת צוריק, 'דו גיסט מיר א פארגעניגן - גיב איך דיר אויך א תענוג', און וואס איז דער תענוג? 'נחלה בלי מצרים'!

דער שבת מוז דאך אים געבן א 'נחלה בלי מצרים'; אז ער איז מענג דעם שבת, מוז דאך דער שבת אים געבן פון זיך א תענוג, און דער שבת איז דאך 'בלי גבול', גיט מען אים א 'נחלה בלי מצרים'; דאס איז אזא מין סארט שַיין אין מח וואס דאס איז 'בלי מצָרים'; דעמאלט קען ער פילן דעם שבת.

דער שבת איז דאך 'בלתי גבול', און אויב ער וועט זיין אין א 'גבול', וועט ער דאך נישט פילן דעם שבת, גיט מען אים א 'נחלה בלי מצרים', דעמאלט קען ער שוין פילן דעם שבת.

דער רבי ברענגט אין "ספר האלף־בית"[ז], אז איינער גיט א נחת רוח דעם צדיק, [דער רבי ווארפט דארטן עפעס אזא מין סארט לשון 'אז ער גיט א נחת רוח דעם צדיק'], גיט ער דאך אים אפ צוריק, מוז ער אים שוין געבן א מין ענין פון 'בלי גבול'.

אויב ער איז אין א 'גבול', קען ער דאך גארנישט פילן, וואס האט ער אים געגעבן צוריק? דער 'גבול' וועט דאך נישט פילן דעם תענוג וואס ער גיט אים צוריק? מוז ער אים שוין געבן א 'נחלה בלי מצרים', דאס איז אַן ענין פון 'בלי גבול', ממילא קען ער שוין פילן דעם תענוג.

אזוי קומט דאך אוים פראסט פשט אין גמרא, 'נחלה בלי מצרים' - 'אזויפיל', ער וועט האבן אזויפיל פלאץ; ער וועט האבן 'אסאך'? ניין - ער וויל דאך דערפילן דעם שבת, מוז מען אים געבן א 'נחלה בלי מצרים', דאס איז א מין מח אָן א 'גבול', א שַיין פון אָן קיין 'גבול', אזוי קען ער פילן דעם שבת.

---

[ז] ערך 'צדיק' אות ק"ז: לִפְעָמִים עַל־יְדֵי נַחַת רוּחַ אֶחָד וּמְעַט שֶׁעוֹשִׂין לַצַּדִּיק, עַל־יְדֵי־זֶה זוֹכִין לָעוֹלָם הַבָּא.

דערפאר טאקע, שבת! שבת! וואס דער מענטש איז שבת 'בלי גבול', פילט ער אנדערש דעם שבת, שבת איז 'מעין עולם־הבא', א תענוג פון אָן קיין 'גבול'.

"כי עונג שבת שהוא מעין עולם־הבא הוא בחינת בלתי גבול. ועל־כן עיקר חיים נצחיים של לעתיד לבא, בחינת תענוג עולם־הבא, יהיה רק להשפלות של כל אחד. כי שפלות ועניוות הוא בחינת בלתי גבול, כי הוא בחינת אין ממש, ואין לו שום גבול, מחמת שהוא בתכלית העניוות. ועיקר חיים נצחיים של עולם־הבא הוא רק בחינת בלתי גבול כנ"ל. ועל כן שבת שהוא מעין עולם־הבא נאמר בו: 'טועמיה חיים זכו'" - 'די וואס פארזוכן דעם טעם פון שבת' - איז 'חיים זכו', "כי מי שטועם טעם עונג שבת זוכה לחיים, בחינת חיים נצחיים כנ"ל".

## די עבודה פון דעם רבי'ן ר' אלימלך זצוק"ל

אונזערע לייט פלעגן זאגן טאקע: "וואס דער מענטש איז מער דא 'בלתי גבול', פילט ער בעסער דעם רבי'ן אויך!".

ר' חיים קיבליטשער פלעגט זאגן: "צו פילן דעם רבי'ן, דארף מען זיך אוועקלייגן!"[יא].

וואס מער 'בלתי גבול' - פילט מען בעסער דעם רבי'ן[יב].

וואס דער מענטש ליגט מער אין 'גבול', קען ער נישט פילן דעם חיות פון 'בלתי גבול', ער קען זיך גארנישט משער זיין א חיות פון 'בלתי גבול', ער ליגט דאך אין א 'גבול'.

וואס א מענטש האט חיות פון תאוות; תאוות איז דאך מיט א 'גבול', תענוגים איז מיט א גבול, אכילה ושתיה איז מיט א 'גבול'; צו א חיות פון 'בלתי גבול' מוז ער דאך

---

[יא] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות קמ"ז שזה היה מעלת מוהרנ"ת על פני כל תלמידי רביז"ל; גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ט ד"ה 'העיקר והיסוד שהכל תלוי בו' וכו'.

[יב] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ג מה שפירוש רביז"ל עה"פ 'ואורח צדיקים כאור נוגה' וכו' עיי"ש; גם עיין שם סי' י"ז מה שנחשך האור הצדיק זה מחמת עכירת המעשים וכסילות השכל, עיי"ש.

זיין אויסגעטוהן פון די אלע, נאר אזוי קען ער פילן א חיות פון 'מעין עולם הבא', א חיות פון שבת, א חיות פונעם צדיק.

אזוי גייט עס, וואס ער ליגט מער אין 'גבול', איז ער ווייט פון א חיות פון 'בלתי גבול', עס גייט אים גארנישט אריין אין מח, וואו זאל עס אריינגיין אז ער איז אין 'גבול'?!

רבי נתן האט דאך אזוי געזאגט: "עס איז נישטא אזא 'ודאי' ווי דעם 'יום המיתה', און עס איז נישטא אזא 'העלמה' ווי איבער דעם!".

עס איז אזא 'ודאי', און מען ווייסט אז דארטן איז אזא מין 'תענוג נצחי' וואס איז א געוואלד, און מען ווייסט אז וואס דער מענטש איז 'דא' ממעט אין די תענוגים איז ער 'דארטן' נענטער צום דעם תענוג, און - עס איז אזא 'העלמה', אזא 'העלמה'.

וואס דער מענטש זוכט דא תענוגים נאר פון 'בלתי גבול' - קען ער דארטן משיג זיין דעם תענוג פון 'דארטן'; און וואס דער מענטש איז דא מער מגושם, מוז ער דארטן האבן מער 'זיכוך'.

עס שטייט, דער רבי ר' אלימלך האט געזאגט[ג]: "אינגאנצן זיין עבודה איז, אז ער וועט קומען אהינצו זאל ער נישט דארפן האבן קיין שום מחיצה, קיין שום אפהאלט, ער זאל קענען גיין גלייך!" ווארום אז מען קומט פון דער וועלט, איז דא אזעלכע זאכן וואס לאזט נישט גיין; בעט ער דעם אויבערשטן - אינגאנצן זיין עבודה איז אלע יארן - אז ער זאל נישט האבן קיין שום מחיצה, ער זאל קענען גיין גלייך; דאס הייסט, אזוי זיין מזוכך דא, אזוי זיין 'בלתי גבול' דא, אז 'דארטן' זאל ער קענען גיין גלייך, קיין שום זאך זאל אים נישט אפהאלטן.

(אחד הנוכחים: רבי נתן האט געזאגט: "איך - גלייך צום רבי'ן!") **טאקע אזוי**[ד]. רבי נתן איז 'בחייו' געוועזן גלייך צום רבי'ן, 'נאר דער רבי', און אלץ צום רבי'ן גלייך, ער האט נישט ביי

---

[ג] עיין עבודת ישראל פר' חיי שרה: כל ימי חיותם עושים הכנה לרגע הפירוד שיפרדו מעולם הזה בקדושה ובטהרה. וכמ"ש בזוה"ק הני צדיקי חשבו בליבייהו כאילו ההוא יומא מסתלקים מעלמא, ומכינים את עצמם בשמחה ובטוב לבב לעת עלות נפשם לשרשם. **וכמ"ש מרבינו הצדיק מורינו אלימלך זצ"ל שכל תשוקתו היתה להפרד מעולם הזה החומרי ולעמוד במקור הקדושה מבלי לבוש החומר העב.**

[ד] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב אות תקס"ה: מורינו רבי נפתלי שהיה דר באומאן, ולא ידע כלל מהתגברות חליו האחרון של מוהרנ"ת אשר מת בו, ראה אותו בליל שבת בחלומו איך שמוהרנ"ת רץ מהרה, ושאלו:

זיך געלאזט גארנישט א חוץ דעם רבי'ן, אינגאנצן זיין מח איז נאר געווען דער רבי - איז ער דארטן אויך געגאנגען גלייך צום רבי'ן.

וואס רבי עוזר איז געווען - - ר' עוזר איז געווען אזא מין צדיק - א געוואלד, ער איז נפטר געווארן בחיי רבי נתן'ען, ער איז געווען א איד א צדיק, א גאנצע וואך איז ער געווען אין פעלד, אויסגעטוהן פון אלעס.

ר' נחמן טולטשינער האט א זאג געגעבן: "ר' עוזר קער שוין זיין ביים רבי'ן!" האט רבי נתן א זאג געגעבן: "אזוי גיך איז מען פון דעם עולם ביים רבי'ן??!" - אויף ר' עוזר וואס ער איז געווען אזא מין צדיק אזא מין קדוש!

און רבי נתן האט געזאגט: "איך גיי גלייך צום רבי'ן". נו, על־כל־פנים, וואס מען איז אין דעם עולם מער גלייך צום רבי'ן, איז מען דארטן נענטער.

רבי נתן, פון דער מינוט וואס ער איז געווארן מקורב, איז ער געווען 'גלייך צום רבי'ן'. וואס איז דער פשט 'גלייך'? קיין שום 'זייט' נישטא, נאר 'גלייך' צום רבי'ן!

## רעדן צו די גלידער

דערפון קען מען מאכן א גרויסן שמועס צום אויבערשטן: "געוואלד!" - זיך אויסרעדן: "אט דאס איז דער תענוג און דער תכלית, דאס איז דער אמת, און מען איז אין דער עולם מלובש מיט א גוף, מיט א גבול" - דאס אויסרעדן - "געוואלד, געוואלד".

דער רבי האט געזאגט ר' שמואל אייזיק'ן ער זאל רעדן צו די איברים[טו]. האט ער געזאגט צום רבי'ן: "איך רעד, און די איברים הערן נישט!" - "רעד, רעד, זיי וועלן שוין הערן, זיי וועלן שוין הערן!".

האבן זיי אזויפיל געהערט, אז ר' שמואל אייזיק האט געזאגט, אז ער רעדט צו אַן איבר, גייט ארויס אינגאנצן דאס חיות פון דעם איבר.

---

"וואו אהין לויפסטו?", והשיב לו מוהרנ"ת: "**איך? גלייך צום רבי'ן!**". ודאג מזה מאד רבי נפתלי, כי הבין שמרמזים לו בחלום אודות הסתלקות מוהרנ"ת, עייעו"ש.

[טו] עיין כל זה בחיי מוהר"ן אות תמ"ב.

אמאל האט ער אנגעהויבן רעדן צום הארץ, איז ער טאקע געבליבן חלָשות. האט ער געזאגט: דאס האט ער פונעם רבי'ן; דער רבי האט געזאגט 'זיי וועלן שוין הערן, זיי וועלן שוין הערן!'.

דאס אז ער רעדט צו אַן איבר און עס ווערט בטל דאס חיות, דאס האט ער פונעם רבי'ן.

וואס ר' עוזר איז געווען! ער איז געווען א געוואלדיגער מתבודד. אפילו ווען ער איז נישט געווען אין פעלד.

אמאל פלעגט זיין, די אלע סוחרים וואס האנדלען מיט מעל פלעגן זיצן דאנערשטאג אויף דער נאכט ביז שפעט אין די קלייטן, ווייל די אלע בעלי־מלאכות פלעגן גיין פון דער ארבעט אויף דער נאכט, האבן זיי דעמאלט געקויפט מעל אויף שבת, איז פלעגן זיי זיצן ביז שפעט ביינאכט, עלף-צוועלף אזייגער ביינאכט.

איז א סוחר פון מעל געגאנגען אהיים אין אומאן דארטן, איז ער דורכגעגאנגען דער גרויסער שול. הערט ער א קול פון דער וויבער-שול, פון די עזרת נשים, אין אומאן דארטן, גרויסע שולן, אנטקעגן אונזער שול, הערט ער אינמיטן א קול, שפעט ביינאכט, פון א מענטש, אַן עובד השם.

וואס האט ער געהערט? איינער רעדט צו די איברים - גערעדט און גערעדט - ר' עוזר, גערעדט און גערעדט און גערעדט און גערעדט. און נאכדעם לאזט ער אויס: "איי עוזר האט דאך נישט אויף שבת? דו וועסט האבן אויף שבת, דו וועסט האבן אויף שבת!" און אזוי האט ער ווייטער אנגעהויבן צו רעדן.

דער מענטש קען נישט אוועקגיין.

ער האט ווייטער גערעדט צו דעם איבר צו וואס ער האט גערעדט, צו די אויגן, אויסגעמאלט די אויגן וואס עס וועט זיין 'דארטן', די ווערים, אה, אליץ גערעדט אזוי, גערעדט, "יעדעס קוק וואס דו וועסט טוהן וועלן די ווערים מער שטעכן", אליץ גערעדט אזוי ווי מען דארף רעדן, אזוי ווי אַן ערליכער איד רעדט, (און אליץ אויסגעפירט:) "איי עוזר דו האסט דאך נישט אויף שבת? דו וועסט האבן אויף שבת, דו וועסט האבן אויף שבת!".

גלויבט מיר, יענער סוחר האט שוין גלייך אריינגעטראגן צו אים אין שטוב אריין, האט ער שוין ממילא געהאט אויף שבת...

דאס איז געווען אונזערע מענטשן, רבי נתן׳ס מענטשן!

(ר׳ מאיר: רבי נתן׳ס מענטשן פלעגן אויך אזוי גיין מיט דער וועג, רעדן צו די איברים?) אוודאי אוודאי, דאס איז געווען דער וועג, ׳רעדן צו די איברים׳, דער וועג פון התבודדות איז אזוי געווען!

ביי רבי שמואל אייזיק׳ן איז געווען ממש אז ס׳איז ארויס דאס חיות פון דעם אבר.

(השואל: אבער דאס איז נישט קיין הנהגה כללית וואס דער רבי האט געגעבן?) ניין, אבער מען זעהט דאך, די גרויסע מתבודדים פלעגן אזוי טוהן, זיי פלעגן רעדן צו די איברים, זיי האבן געוואלט מקַדש זיין יעדעס איבר, יעדעס איבר זאל זיין מקוּדש, האט מען געטוהן דער זאך, רעדן צו דעם איבר אליין.

כאטש דער רבי האט דאס געזאגט צו רבי שמואל אייזיק׳ן, פונדעסטוועגן האט מען פארשטאנען אז דאס איז שייכות צו יעדן איינעם, יעדער איינער דארף דאס טוהן.

## ההתבודדות של ראבר״ן

(השואל: ר׳ אברהם ר׳ נחמנ׳ס פלעגט רעדן פון דעם?) דאס ווייס איך נישט.

זיינע התבודדות׳ן איז געווען עפעס א געוואלדיגע התבודדות - מיר פלעגן זיך דאס צוהערן ביים רבי׳ן אויפן ציון (איך שמפרש שיחתו לפני ה׳):

״לאמיך זיך ליבן אין דיר!

לאמיך זיך פארכטן אין דיר!

לאמיך ליב האבן נאר דיר!

פארכטן נאר דיר!

לאמיך זיך ציטערן פון דיר - זיך שרעקן פון דיר!

**לאמיך זיך פחד'ן פון דיר!"**[טז]

**א איד וואס האט שוין נאר געבעטן אויף 'אהבה ויראה' צום אויבערשטן האט גערעדט אזוי צום אויבערשטן!**

**א איד וואס איז שוין אויסגעארבעט פון די אלע זאכענישן, ליגט ער נאר אין 'אהבה ויראה', ער בעט פונעם אויבערשטן 'אהבה צו דיר', 'יראה פון דיר', 'פחד פון דיר'! (אחד הנוכחים: ליב האבן דעם צדיק!) עס איז איין זאך: 'אהבת הצדיק' און 'אהבת השי"ת' איז איין זאך; דער צדיק איז נכלל בו יתברך, און דאס איז גאר איין זאך, עס איז נישט שייך צו זאגן אז עס איז עפעס אַן אפגעטיילטע זאך.**

**'אמונת צדיקים' און 'אמונת השי"ת' דאס איז איין זאך"[יז]; וואס ער האט מער אמונה אין צדיק, איז מער אמונה אין השי"ת; וואס ער האט מער 'אהבת הצדיק', האט ער מער 'אהבת השי"ת'.**

**דער רבי זאגט טאקע דארטן אין דער תורה "כי אקח מועד"[יח]: "ואהבתו את הצדיק יהיה יותר מאהבת נשים, כמו שכתוב (שמואל-ב א): 'נפלאת אהבתך לי'!" - ביי יונתן מיט דוד המלך.**

**עס איז איין זאך; פארוואס האט דער מענטש נישט קיין אהבת השי"ת? ווייל ער האט אנדערע אהבות, די אנדערע אהבות האקן אפ דער אהבה. אז עס קומט צום דאווענען, פארוואס האט ער נישט קיין דביקות צום אויבערשטן? ווייל ער האט אנדערע דביקות'ן, האקט עס אפ און עס לאזט נישט, קען דער דביקות נישט זיין בשלימות.**

---

[טז] עיין 'כוכבי אור' - 'ששון ושמחה' תפילה א', לשונות כעין זה.

[יז] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נדה ה"ב אות י"א: **בֶּאֱמֶת הַכֹּל אֶחָד כְּשֶׁמַּאֲמִינִים בַּצַּדִּיקִים, מַאֲמִינִים בַּה' יִתְבָּרַךְ. כִּי אִי אֶפְשָׁר לְהַאֲמִין בַּה' יִתְבָּרַךְ בְּלֹא אֱמוּנַת הַצַּדִּיקִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ", כִּי הָא בְּהָא תַּלְיָא. וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, כְּמוֹ שֶׁה' יִתְבָּרַךְ נִמְצָא בְּוַדַּאי, כְּמוֹ כֵן נִמְצָאִים צַדִּיקִים בְּוַדַּאי בְּכָל דּוֹר וָדוֹר.**

[יח] ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה.

# ארײַנשפּרינגען אין גן־עדן

דער ר' גרשון, דער טירהאוויצער מגיד'ס אַן איניקל, איז געווען אזא מין מתפלל, אזא מין דאווענער, ער האט געדאוונט פינעף-זעקס שעה מיט א דביקות צום אויבערשטן!

דער רבי האט צו זיי גערעדט אמאל א שמועס: "פארוואס לייגט איר נישט אריין אייערע כוחות אין דאווענען?!" - דער רבי האט זיי גע'מוסר'ט; [ער האט זיי געזאגט[יט]: "אייערע כוחות איז אזוי ווי איך האב געשלעפט דעם שטריק דארטן!"].

דער ר' גרשון איז געווען דערביי, האט ער געטראכט צו זיך, 'וואס קען איך טוהן? וואס קען איך טוהן?!'.

האט זיך אנגערופן דער רבי: "ניט דאווענען - און מיינען אז מען דאוונט!".

בשעת דער רבי האט גערעדט פון אריינלייגן כוחות אין דאווענען, האט ער געטראכט ביי זיך: 'וואס קען איך טוהן מער?!' איך לייג דאך אריין אלע כוחות אין דאווענען. האט זיך אנגערופן דער רבי: "ניט דאווענען און מיינען אז מען דאוונט!".

ער האט נאר געטראכט ביי זיך וואס קען איך טוהן מערער.

'ער האט טאקע געדאוונט מיט אלע כוחות, ער האט אוועקגעלייגט א דאווענען!

[דאס איז געווען פאר מנחה א שמועס. דערנאך, די מנחה דערויף איז דער רבי אריינגעגאנגען אין בית מדרש אריין, האט דער רבי געהייסן ר' גרשון זאל גיין פריער, איז ער געגאנגען צוזאמען מיטן רבי'ן, און ר' גרשון איז געגאנגען פריער, ממילא איז ער שוין צוגעגאנגען צו דעם ארט וואו דער רבי האט געדאוונט].

---

[יט] עיין 'שיחות הר"ן' אות קכ"א: פַּעַם אֶחָד הוֹכִיחַ אוֹתָנוּ לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה וּבְכֹחוֹת כַּמְבֹאָר בִּסְפָרָיו הַרְבֵּה שֶׁצְּרִיכִין לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ מְאֹד לִתְפִלָּה וּלְהִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ. וְאָמַר: שֶׁתְּפִלָּה שֶׁלָּכֶם בְּכֹחַ הוּא כְּמוֹ שֶׁמָּשַׁכְתִּי אֲנִי אֶת הַחֶבֶל עִם הָאַנְקִיר כְּשֶׁהָיִיתִי עַל הַסְּפִינָה. הַיְנוּ בִּהְיוֹתוֹ עַל הַסְּפִינָה הָיָה פַּעַם אֶחָד בִּשְׁעַת הַדְּחָק שֶׁהָיוּ מַכְרִיחִים אֶת כָּל אַנְשֵׁי הַסְּפִינָה שֶׁיִּמְשְׁכוּ בְּכָל כֹּחָם אֶת הַחֶבֶל הַנַּ"ל וְהָיִיתִי מוֹשֵׁךְ בְּכָל כֹּחִי הַחֶבֶל אֲבָל בֶּאֱמֶת לֹא הִכְנַסְתִּי שׁוּם כֹּחַ, רַק הָיָה לְפָנִים. כִּי הֻכְרַחְתִּי לְהַרְאוֹת לִפְנֵיהֶם כְּאִלּוּ אֲנִי מוֹשֵׁךְ בְּכָל כֹּחִי. כָּךְ הוּא הַתְּפִלָּה שֶׁלָּכֶם בְּכֹחַ וּבְכַוָּנָה. כְּלוֹמַר שֶׁעֲדַיִן אֵין אָנוּ מַכְנִיסִין כָּל כֹּחֵנוּ בֶּאֱמֶת לְתוֹךְ הַתְּפִלָּה.

האט ער געדאווענט מנחה לעבן רבי'ן. האט ער דעמאלט געזעהן דאס דביקות פון דעם רבי'ן וואס דער רבי האט געהאט ביי דער מנחה. האט ער געזעהן אז ער האט נאך אין זיין לעבן נישט געדאווענט...

ביים רבי'ן איז געווען א בחינה פון 'שמן בחשאי', מען האט נישט דערקענט אפילו (א תנועה).

## דיין טלית איז צו ניי...

טאקע ווען רבי נתן איז געווען ביי רבי גדלי' ליניצער[כ]. רבי נתן האט "געדאווענט", און עס איז געווען נאך פון דעם רבי'נס מענטשן, האבן אלע געדאווענט מיט קולות. האט רבי גדלי' ליניצער געזאגט צו רבי נתן'ען: "פארוואס דארף מען שרייען ביים דאווענען - 'מקטני אמנה'!?"[כא].

רבי נתן האט אים גארנישט געענטפערט. נאכדעם האט ער געזאגט: "ער גלייכט זיך צום רבי'ן? ביים רבי'ן איז 'שמן בחשאי'[כב]; זאל ער זיך איינרייסן די קיילע[כג] (- הגרון) אזוי ווי איך רייס זיך איין ביים דאווענען!".

(השואל: און וואס איז געווען די מעשה מיטן רבי'ן?) ביים רבי'ן אליין איז אויך געווען, דער רבי איז געווען ביי רבי גדלי' ליניצער[כד], און ער האט געזאגט צום רבי'ן 'פארוואס דעם רבי'נס מענטשן שרייען ביים דאווענען'. האט דער רבי אים געזאגט: "איך האלט פון די חסידים וואס זיי שפרינגען אריין מיט די פארשמאלצעוועטע ארבל אין גן-עדן!"[כה].

---

[כ] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אות ק"ח-ק"ט.

[כא] עיין גמ' ברכות דף כ"ד ע"ב: המגביה קולו בתפילתו הרי זה מקטני אמנה. לציין שמשמעות הפוסקים שזה קאי על תפילת הלחש.

[כב] עיין זוהר שמיני דף ל"ט ע"א; ובליקוטי מוהר"ן סי' כ"א מה שביאר רבינו עה"פ 'נחמו נחמו עמי', עיי"ש בסוף התורה.

[כג] עיין לשון הדומה לזה בליקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות ה"ה אות י"ז.

[כד] עיין ימי מוהרנ"ת אות ב'.

[כה] ובשיחות רלוי"צ במקום אחר בזה"ל: **איך האלט פון די חסידים וואס שפרינגען אריין אין 'היכל המלך' מיט פארשמאלצעוועטע ארבעל**; ועיין 'אבניה ברזל' אות י"ד: וַיִּשְׁאַל הָרַב ר' גְּדַלְיָה אֶת רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל

די חסידים וואס זיי דאווענען מיט א דביקות, קוקן נישט אזוי, דער טלית איז פול מיט שוויים, און די ארבל איז פול מיט שוויים.

איינער האט גע'מוסר'ט דעם אנדערן: "דיין טלית איז צו ניי!"...

עס דארף זיין אביסל מיט שוויים, דו האסט אזא נייעם טלית... עס איז שוין עטליכע יאר אלט דער טלית - און עס איז נאך ביי דיר אזוי ניי... א טלית וואס מען הארוועט ביים דאווענען, איז דער טלית נישט אזוי.

אט דאס הייסט "פארשמאלצעוועטע ארבל"; דער טלית איז נישט אזוי געפוצט.

"איך האלט פון די חסידים!" - דאס האט דער רבי געזאגט צו רבי גדליה'ן.

אבער ביי רבי נתן'ען איז אויך געווען, מען איז געווען אינאיינעם ביי רבי גדלי' ליניצער, און מען האט געשריגן ביים דאווענען, האט ער זיי אויך געפרעגט פארוואס מען שרייט ביים דאווענען, האט ער אים גארנישט געענטפערט.

(אחד הנוכחים: ר' גדלי' איז דאך נסתלק געווארן 'בחיי רבינו'!?) **איז עס נאך געווען 'בחיי רבינו'! יא יא, דאס איז געווען טאקע ווען רבי נתן איז געפארן אויף דער חתונה, דער רבי האט חתונה געמאכט שרה'קען**[כו]**, מוז מען דורכפארן דורך 'ליניץ'**[כז]**.**

**אויך א גאנצע מעשה; רבי נתן האט פארשטאנען אז דער פאטער וועט באלד שרייבן א בריוו צו רבי גדלי' ליניצער אז ער זאל אים שיקן אהיים צוריק, ער זאל אים נישט לאזן פארן, האט רבי נתן זיך נישט געזעגנט פון רבי גדליה'ן**[כח]**.**

---

הֲלֹא כְּשֶׁנִּכְנָסִין לַמֶּלֶךְ נִכְנָסִין בְּקוֹל דְּמָמָה דַּקָּה, וְהֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל: אִיךְ הַאלְט פוּן אַמָאלְדִיגֶע חֲסִידִים וָואס זֶענֶען אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶען מִיט דֶעם פַאר־שְׁמָאלְצִינֶעם אַרְבִּיל אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אַרַיְין (אֲנִי אוֹחֵז מֵהֲחַסִידִים שֶׁל פַּעַם, שֶׁקָּפְצוּ פְּנִימָה אֶל הֵיכַל הַמֶּלֶךְ עִם הַשַּׁרְווּל הַמְּשֻׁמָּן); גם עיין 'ליקוטי עצות' ערך תפילה נ"ד: **בשעת התפילה האדם עומד בהיכל המלך**. כמבואר בליקוטי מוהר"ן סימן נ"ה וח"ב סימן ק"ג.

[כו] במעדוועדיווקע, ראש חודש ניסן תקס"ג.

[כז] עיין ימי מוהרנ"ת אות ג'.

[כח] **ובשיחות רלוי"צ** (חיי שרה-תולדות תשל"ט) **בזה"ל:** (ר' מאיר: רבי נתן איז געווען אין ליניץ ביי רבי גדליה'ן און רבי גדליה איז געשלאפן - האט ער זיך נישט געקענט טרעפן מיט אים) **דאס איז געווען שוין נאך וואס ער איז געווען מקורב צום רבי'ן.** (אחד הנוכחים: זיין טאטע האט דעמאלט געשריבן א בריוו צו רבי גדליה'ן ער זאל אים צוריקברענגען,

**דערנאך איז רבי נתן נאכאמאל געווען ביי רבי גדליה'ן, דער וועג איז געווען עפעס דורך ליניץ, פלעגן זיי אריינגיין צו רבי גדליה'ן, איז אויך געווען אז ער האט געפרעגט רבי נתן'ען פארוואס מען שרייט ביים דאווענען** (כנ"ל).

**"ביים רבי'ן איז געווען 'שמן בחשאי'".**

**עס שטייט אין "זוהר הקדוש": "יין לארמא קלא" - אז מען גיסט וויין, הערט זיך א קול; "שמן בחשאי" - שמן איז 'בחשאי'; צדיקים - ביי זיי איז געווען 'שמן בחשאי'.**

**רבי נפתלי האט געזאגט, אז ער האט געהערט דעם רבי'ן זינגען 'אזמר בשבחין', האט ער אזא מין דביקות געפילט ביים רבי'ן אז ער האט געמוזט פארבינדן זיך דעם קאפ, דער קאפ זאל זיך אים נישט רירן! עס זאל אים נישט ווערן גערירט דער קאפ פון דביקות וואס ער האט געפילט ביים רבי'ן פון דעם 'אזמר בשבחין'!.**

**צו דעם דארף מען אויך האבן אזא - - אז מען זאל פילן דאס דביקות פון דעם.**

**דער רבי האט אפילו קיין שום תנועה נישט געמאכט[כט], און די דביקות איז געווען אזוי גרויס - געוואלדיג!**

**האט ער געזאגט - ר' גרשון: "ער האט געזעהן אזא מין דביקות אין דעם רבי'ן, אז ער האט** (פארשטאנען אז ער האט) **נאך אין זיין לעבן נישט געדאווענט!".**

**אבער ווען קען ווערן 'שמן בחשאי'? מוז אויך פריער זיין 'קולות', 'צעקות', אזוי ווערט 'שמן בחשאי'.**

**ביי צדיקים איז געווארן דער 'שמן בחשאי' אויף דער עלטער - ביים רבי'ן איז עס געוועזן אין דער יוגנט! דער רבי איז דאך נישט געווען קיין אלטער איד.**

---

רבי נתן איז אריין צו רבי גדליה', האט מען אים געזאגט אז רבי גדליה שלאפט. נאכדעם ווען רבי נתן האט געהערט אז מען זאגט אז עס איז געקומען א בריוו פון זיין טאטן, איז ער גלייך אנטלאפן ווייל נאכדעם וועט ער אים זאגן ער זאל פארן אויף צוריק!) יא, יא, דעמאלט איז געווען א בריוו פונעם טאטן, דאס איז געווען ווען רבי נתן איז געפארן צו דער חתונה קיין מעדוועדיווקע (צום רבי'ן - די חתונה פון שרה'קען); עיין גם 'אבניה ברזל' אות י"ב.

[כט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' מנחה ה"ז אות נ"ז: הַקְּטַנִּים מְאֹד כָּל תְּפִלָּתָם הִיא בִּבְחִינַת תְּפִלָּה בְּלַחַשׁ כַּנַּ"ל, וְכָל תִּקּוּנָם עַל יְדֵי הַגְּדוֹלֵי צַדִּיקִים שֶׁמִּתְפַּלְּלִים בְּלַחַשׁ כִּי עוֹלִים עַד עַתִּיקָא שֶׁשָּׁם בְּחִינַת לַחַשׁ בְּחִינַת חֲכַם חֲרָשִׁים וּנְבוֹן לָחַשׁ.

# גודל היראה אצל רבינו בראש השנה

[[ל]די ערשטע שמונה־עשרה פון מעריב דעם ערשטן טאג ראש־השנה אויף דער נאכט איז דער רבי געשטאנען פיר שעה שמונה עשרה. יעדער איינער איז אהיימגעגאנגען, מען האט אפגעגעסן, און דער טיש האט זיך אנגעהויבן זייער שפעט[לא].

דער רבי האט געזאגט: "וואס אנדערע צדיקים הארוועז ביז הושענא רבה, טוה איך שוין אפ דעם ערשטן אויף דער נאכט!"].

די 'יראה' וואס עס איז געווען ביים רבי'ן ביים טיש דעם ערשטן טאג ראש־השנה אויף דער נאכט איז גארנישט משער צו זיין - 'פחד השם' איז געווען, 'פחד יצחק', יעדער איינער איז געזעצן, מען האט מורא געהאט אויפצוהויבן דעם קאפ, אזא מין פחד איז געווען, א יראה, א פחד!

עס איז געווען טאקע איינמאל, ר' חייקל איז געווען ביי רבי מאטעלע'ן (טשערנאבלער) אויף ראש־השנה נאך דעם רבי'נס הסתלקות, און רבי מאטעלע האט אים זייער מכבד געווען. רבי מאטעלע האט געוואוסט אז ער איז געווען ביים רבי'ן, האט ער אים זייער מכבד געווען, ער האט אים געגעבן א פלאץ אונטער דער שטול. אונטער דער שטול פלעגט זיין א גרויסער כיבוד דארטן ביי די חסידים - אונטער זיין שטול.

אז ער האט געענדיגט דער טיש ראש־השנה אויף דער נאכט, האט ר' חייקל געגעבן א קרעכץ, אזוי ווי א חזן, אזוי א זיפץ פון הארץ.

זאגט אים רבי מאטעלע: "וואס קרעכצט איר?" - "איך האב זיך דערמאנט אין דעם רבי'נס ראש־השנה, האב איך געטוהן א קרעכץ!".

ר' חייקל איז געווען אזא שטארקער, האט ער גערעדט אזוי שארף.
ער האט געוואוסט וואס ער זאגט.

---

[ל] לציין היות שהטייפ פה קצת חסר ומקוטע הוספנו משיחה אחרת חיי שרה-תולדות תשל"ט.

[לא] עיין כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות י"ט.

'איך האב זיך דערמאנט, איך האב געזעהן עס איז נישט די 'יראה' וואס עס איז געווען ביים רבי'ן, האב איך געגעבן א קרעכץ'.

(האט רבי מאטעלע זיך אנגערופן:) **"נו, זאג מיר א ניגון פון אייער רבי'ן!"**. האט ער געזונגען דעם 'אשת חיל'. נו, ער איז געווען א חזן. [אונזערע לייט זינגען טאקע ראש־השנה ביינאכט ביים טיש 'אשת חיל']. האט ער געזונגען 'אשת חיל'.

האט רבי מאטעלע געזאגט: **"אין דעם ניגון וואס איר זינגט זעה איך דעם רוח־הקודש פון אייער רבי'ן!"** - אזוי האט דער רבי מאטעלע געזאגט צו ר' חייקל'ען.

[(ר' חיים שלמה ראטענבערג: דער 'אשת חיל' איז דאך נישט פון רבין, דער ניגון שטאמט דאך פון דעם רבין ר' ברוך!?[לב]) וואס א נפקא־מינה, אבער דער רבי האט דאך געהייסן איבערדרייען].

(השואל: דער רבי האט געפירט טיש ראש־השנה די ערשטע נאכט?) עס איז געווען אזוי, דער רבי איז געזעצן ביים טיש און מען האט גארנישט גערעדט, דער רבי האט גארנישט גערעדט[לג], עס איז געווען הונדערטער מענטשן[לד].

(השואל: סתם א ליל שבת פלעגט דער רבי פירן טיש?) א טיש איז געווען, אבער קיין 'אמירת התורה' (בקביעות) איז נישט געווען ביים רבי'ן.

די 'יראה' און דער 'פחד' וואס איז געווען ביים רבי'ן ראש־השנה אויף דער נאכט - עס איז געווען געוואלדיג, געוואלדיג! ממש 'פחד יצחק'!

(השואל: מען האט איבערגעלאזט דעם רבי'ן אליין דאווענען?) **יא יא אוודאי! איך וויים? ער אליין? דער רבי האט געדאוונט - דער עולם האט געוואוסט אז מען דארף נישט ווארטן.**

---

[לב] עיין שיש"ק (חדש), ח"ג, אות תנח.

[לג] עיין 'שיחות הר"ן' אות כ"א: בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן צְרִיכִין לְמַעֵט בְּדִבּוּר מְאֹד מְאֹד. וְאָמַר שֶׁאָדָם גָּדוֹל צָרִיךְ לְדַקְדֵּק בָּזֶה בְּיוֹתֵר.

[לד] עיין 'ביאור הליקוטים' סי' קנ"ה: בְּהָרֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּימֵי חַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים בָּאוּ אֵלָיו לְאוּמַן עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן לְעֵרֶךְ חָמֵשׁ אוֹ שֵׁשׁ מֵאוֹת אֲנָשִׁים (וּבִלְשׁוֹן בְּנֵי אָדָם בְּדֶרֶךְ אוּמְדְּנָא הָיוּ מַרְגְּלָא לְפוּמַיְיהוּ לוֹמַר שֶׁבָּאוּ אֵלָיו אָז בְּעֵרֶךְ אֶלֶף אֲנָשִׁים כֵּן שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי ז"ל בְּשֵׁם מוֹהַרְנַ"תְּ ז"ל).

# נסיעת מוהרנ"ת עם הרב מבארדיטשוב

רבי נתן איז געקומען אמאל צום רבי'ן. דעמאלט איז דער בארדיטשוב'ער רב ארויסגעפארן אויף דער וועלט. האט דער רבי אים געהייסן גיין משמש זיין דעם בארדיטשוב'ער רב: **"דער בארדיטשוב'ער רב פארט איצטער ארויס, פארוואס דארפן זיי - די זשלאָבעס** (- אנשים מגושמים) **- אים משמש זיין? גיי, וועסטו אים משמש זיין!".**

איז ער טאקע געפארן מיט אים א שטיק צייט אין עטליכע נסיעות און אים משמש געווען.

אמאל אין אַן אָרט האבן זיי זיך געשטעלט דאווענען. דער בארדיטשוב'ער רב פלעגט דאווענען מיט קולות, מיט דביקות. און רבי נתן האט זיך אויך געשטעלט דאווענען, רבי נתן האט דאך אויך געדאווענט הויך. האט זיך אנגערופן איינער דארטן: **"זיי נישט מבלבל דעם רב'ס דאווענען!"** - צו רבי נתן'ען.

האט זיך אנגערופן דער בארדיטשוב'ער רב: **"אפשר בין איך אים מבלבל?!".**

[דעמאלט האט דער בארדיטשוב'ער רב דערקענט רבי נתן'ען ווער ער איז - ביי דער נסיעה; דעמאלט האט ער געזעהן דעם רבי'נס גרויסקייט אויך, ער האט דאך געוואוסט אז רבי נתן'ס גרויסקייט נעמט זיך נאר וואס ער איז מקורב צום רבי'ן, האט ער פון דעם פארשטאנען דעם רבי'נס גרויסקייט].

(השואל: רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט אויך שרייען ביים דאווענען?) רבי אברהם ר' נחמן'ס אין מיינע צייטן האט שוין געדאווענט אזוי שטיל. ער האט אבער געדאווענט מיט אלע כוחות, מיט אלע כוחות. ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, ער איז שוין געווען א שוואכער מענטש, א קראנקער מענטש. אבער ער האט געהארעוועט ביים דאווענען, ער האט געהארעוועט ביים דאווענען.

(השואל: אבער ער האט געהאלטן פון שרייען?) יא! ער האט געהאלטן, יונגעלייט האט ער געהאלטן זאלן שרייען.

"א יונגערמאן דארף שרייען און שרייען!" - אזוי האט ער געזאגט.

(השואל: אזוי איז מקובל פון רבי'ן?) **"א יונגערמאן דארף שרייען און שרייען!"**[לה].

## אויף ווען ווארט מען?

(השואל: אזוי דערקענט מען אויף א יונגערמאן אז ער איז א ברסלב'ער! דריי זאכן האט דער רבי געזאגט אויף אונזערע לייט[לו], איינס פון דעם איז "ווי אזוי ער וועט דאווענען - וועט מען זאגן 'ער איז א ברסלב'ער'"...) **יא יא, 'ער איז א ברסלב'ער, וועט ער שוין נישט האבן קיין גאוה'.**

**און קעגן מפורסמים, 'זיי וועט מען שוין ניט אפנארן - זיי האבן שוין פארזוכט פון די אונגערישע וויין!'.**

(אחד הנוכחים: און 'אפילו אַן עבירה - וועט זיין אָן הענט און פיס'!) **יא יא, "מיינע לייט וועט שוין נישט באקומען קיין עבירה; טאמער זיי וועלן טוהן אמאל אַן עבירה, וועט עס זיין אָן הענט און אָן פיס!".**

(השואל: וואס הייסט 'אונגערישע וויין'?) **'אונגערישע וויין' איז אמאל געווען 'טאָקיי'. 'טאָקיי' איז א שטאט דארטן, דארטן איז געווען די בעסטע ווײנען. פלעגט מען זאגן א ווערטל - 'אונגערישע וויין'**[לז].

**"מיינע לייט וועט מען שוין ניט אפנארן, זיי האבן שוין פארזוכט אונגערישע וויין!".**

**אוי אוי אוי, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז!**

**מיר שטייען ברוך ה' ביי אזא גרויסן רבי'ן, אזא גרויסן בעל־כח, און מיר שטייען פונדערווייטנס, מען ניצט נישט אויס; אויף ווען ווארט מען? אויף ווען? אויף ווען? אויף ווען? 'אם לא עכשיו אימתי?!' אויף ווען לייגן מיר אפ?! ווען וועלן מיר אויסניצן דעם רבי'ן?!**

---

[לה] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות צ"ד.

[לו] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות קס"ד.

[לז] עיין חיי מוהר"ן אות ר"ס במשל שסיפר רבינו מסוחר גדול שנסע פעם אחת עם יין טוב אינגרישער וכו', עיי"ש.

דער רבי זאגט טאקע[לח], 'דער עיקר דארף מען זעהן - דא זיך מקרב זיין, 'דא' זיך מקרב זיין! זיך מקרב זיין צום רבי'ן און אריינגיין אין דער זאך מיט זיינע עצות - טראכטן און ליגן - אויף ווען ווארט מען?!

דארטן וועט זיין די בושה געוואלדיג גרויס, מען וועט דאך האבן אזא מין בושה, ער וועט זעהן זיינע חברים זענען דארטן אזוי נאנט צום רבי'ן, און דארטן איז דאך אַן 'עלמא דקשוט', ער וועט דאך גלייך זעהן פארוואס, דארטן גייט נישט קיין אפּנאַרן[לט].

א גמרא איז דא[מ], רבי יוחנן זיצט נישט לעבן רבי חייא'ן, ער זיצט דארטן לעבן רבי ינאי'ן. זאגט די גמרא, ר' יוחנן זיצט נישט לעבן ר' חייא'ן? זאגט די גמרא, 'דארט וואו עס גייט פונקען פייער ווי קען זיין?!' [- "באתר דזקוקין דנורא ובעורין דאשא - מאן מעייל בר נפחא לתמן?!"]

זעהען מיר אז דארטן כאפט מען נישט קיין פלאץ... דארטן זעצט מען אוועק.

די גמרא רעכנט אויס דארטן א סדר אין גן־עדן, רבי ינאי לעבן רבי חנינא, רבי חנינא לעבן רבי חייא, דארטן כאפט מען נישט קיין פלעצער... מען זעצט אים אוועק - 'דאס איז דיין ארט'! ער וועט שוין זעהן ווער ער איז און פארוואס יענער איז נעכטער.

דארטן, נעכטער צום אויבערשטן מיט וואס עס איז נאר, איז דער תענוג אזויפיל גרויס, און די בושה איז אזויפיל גרויס פאר דעם וואס ער איז נישט אזוי נאנט, און ער

---

[לח] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תנינא סי' ע"ח: וּצְרִיכִין לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת, כִּי אַשְׁרֵי לְמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהִתְקָרֵב בְּעוֹדוֹ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ לַצַּדִּיק הָאֱמֶת, אַשְׁרֵי לוֹ, אַשְׁרֵי חֶלְקוֹ. [כִּי אַחַר כָּךְ (הַיְנוּ לְאַחַר מִיתָה) קָשֶׁה אָז מְאֹד לְהִתְקָרֵב, וּצְרִיכִין מְאֹד לְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים מְאֹד, שֶׁיִּזְכֶּה בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ לְהִתְקָרֵב לְצַדִּיקֵי אֱמֶת]; עיין גם חיי מוהר"ן אות ק"א.

[לט] עיין 'חיי מוהר"ן' אות שנ"ד: עָנָה וְאָמַר עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם, עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים, וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי. כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁיִּהְיֶה עֵת בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה.

[מ] ב"מ דף פ"ה ע"ב.

וועט אליין וויסן פארוואס איז דאס אזוי, דארטן איז אַן 'עלמא דקשוט', יענער האט מער געטוהן, ער איז מער געלעגן, ער האט מער געגראבן, איז ער נענטער[מא].

'דער צדיק שענקט מתנות' - ברענגט דער רבי דארט אין דער מעשה פון די ז' בעטלערס[מב]. יעדער בעטלער האט געשענקט א מתנה: "דו וועסט זיין אזוי ווי איך!". וואספארא מתנה האט ער געשענקט? "דו וועסט זיין בלינד אזוי ווי איך", "דו וועסט זיין טויב אזוי ווי איך", "דו וועסט זיין שטום אזוי ווי איך" - אזעלכע מתנות שענקט דער צדיק.

דאס שענקט ער דא: "דו זאלסט זיין בלינד אזוי ווי איך" - דו זאלסט אפהיטן די אויגן, דו זאלסט אפהיטן דאס מויל, אפהיטן די אויערן, אט דאס איז די מתנות וואס ער שענקט.

נו אז מיר נעמען די מתנות דא, איז מען 'דארטן' טאקע נענטער.

דער צדיק שענקט מתנות; ווען? אז מען בענקט נאך אים.

די חתן כלה האבן געבענקט: "ווי נעמט מען דעם בעטלער? ווי נעמט מען אים?" - א הייליגע חתן-כלה! - קומט ער אריין און ער שענקט מתנות.

אז דער ארעמאן האט זיך געקלאפט קאפ אין דער וואנט און ער האט געוויינט[מג], איז אריינגעאנגען דער בערגער: "וואס וויינסטו?" - "פארוואס זאל איך נישט וויינען? ביי דעם איז דא געלט (וכו'), [און איך האב גארנישט] - און מיין ווייב האט מען מיר אויך צוגענומען!" האט דער בערגער געהאט מסירות נפש, און ער איז געפארן צו דעם

---

[מא] עיין 'שיחות הר"ן' אות ק"ע: פַּעַם אַחַת שָׁאַלְתִּי אוֹתוֹ מַדּוּעַ כַּמָּה יְרֵאִים הִתְיַגְּעוּ בַּעֲבוֹדַת ה' הַרְבֵּה מְאֹד (שֶׁקּוֹרִין הָארִיוֶוין) וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא הִגִּיעוּ לְמַדְרֵגַת הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים. הֵשִׁיב בִּפְשִׁיטוּת מִסְתָּמָא לֹא הִתְיַגְּעוּ כָּל כָּךְ. וְאָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **מִן הַסְתָּם הָאבְּן זֵייא נִיט גִּיהָארִיוֶועט**, כִּי הַכְּלָל, שֶׁעִקָּר הוּא הַיְגִיעָה וְהַכֹּל לְפִי רֹב הַמַּעֲשֶׂה; גם עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סוף סי' כ"ב: **וְצַעַר הַבּוּשָׁה גָּדוֹל מְאֹד יוֹתֵר מֵעֹנֶשׁ גֵּיהִנֹּם**, וְכָל יִסּוּרֵי עוֹלָם הַזֶּה יֵשׁ בָּהֶם צַעַר הַבּוּשָׁה, שֶׁמִּתְבַּיֵּשׁ מֵחֲבֵרָיו עַל שֶׁיֵּשׁ לוֹ יִסּוּרִין. וְכֵן לֶעָתִיד לָבוֹא צַעַר הַבּוּשָׁה גָּדוֹל מְאֹד, **וַאֲפִלּוּ כָּל צַדִּיק נִכְוֶה מֵחֻפָּתוֹ שֶׁל חֲבֵרוֹ** אוֹי לְאוֹתָהּ בּוּשָׁה, אוֹי לְאוֹתָהּ כְּלִמָּה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא ע"ה).

[מב] סיפורי מעשיות - מעשה י"ג, עיי"ש.

[מג] עיין שם - מעשה י' - מבערגיר ועני.

גענעראל אין שטוב אריין און איר ארויסגענומען; אדורך אלע זיבן וואסערן - און איר אפגעבראכט.

נאכדעם איז דער ארעמאן געווען א 'כפוי טובה', דאס איז א באזונדערע זאך. אבער מען רעדט דאך, דער צדיק איז זיך 'מוסר נפש'; און ווען? אז ער הערט זיך איין ווי ער זיצט און וויינט און קלאגט[מד].

היינט איז אויך אזוי; אז ער שטייט אויף ביינאכט און וויינט זיך אויס גוט, ער קלאגט זיך אויס גוט, קומט ער אריין און האט מסירות נפש פאר אים.

דער אויבערשטער איז 'אמת', און דער צדיק איז 'אמת', און אז מען זוכט נאר 'אמת', און אז מען לאזט זיך נישט נאַרן, איז זייער גוט - וואו מען רירט זיך איז גוט. דער אויבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן זיך נישט לאזן נארן, מיר זאלן האבן שכל.

❖

## ווי נעמט מען דעם 'כי לדברך יחלתי'?!

(השואל: עס איז איינמאל געווען וואס ר' אפרים ב"ר נפתלי איז געקומען פון ארץ ישראל און ר' נחמן טולטשינער האט געהאלטן אינמיטן אויסקערן דער שול, און אז ר' אפרים איז געקומען, האט ער אפגעלאזט דעם בעזעם און געלאפן קעגן ר' אפרים'ען, און ער האט געזאגט דארטן: "יראיך יראוני וישמחו"[מה]?) ניין, דאס האב איך קיינמאל נישט געהערט.

(רק המעשה שהיה כך היה:) אז ר' אפרים איז געקומען פון ארץ ישראל און ער האט זיך זייער געפריידט מיט ר' נחמן'ען (און ר' נחמן מיט ר' אפרים'ען), האט ר' אפרים געזאגט:

---

[מד] עיין חיי מוהר"ן אות ש"ז: אֵינִי יָכוֹל לְקָרֵב כִּי אִם מִי שֶׁבָּא אֶצְלִי וּמְסַפֵּר לִי חֶסְרוֹנוֹ אֲנִי יָכוֹל לְתַקְּנוֹ וְכוּ'; עיין גם ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ג אות ח': הַבַּעַל בְּחִירָה אִי אֶפְשָׁר לְבָרְרוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ כִּי אִם כְּשֶׁבָּא עַל הַקֶּבֶר בִּמְקוֹם גְּנִיזָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה וּמְעוֹרֵר עַצְמוֹ בִּתְשׁוּבָה שֶׁאָז יֵשׁ כֹּחַ לְהַצַּדִּיק לְבָרְרוֹ בְּכֹחוֹ הַגָּדוֹל וּלְהוֹצִיאוֹ מִמָּקוֹם שֶׁנָּפַל לְשָׁם וּלְתַקְּנוֹ אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְהִתְתַּקֵּן בְּשׁוּם אֹפֶן; גם עיין שם הל' אבידה ומציאה ה"ג אות ט"ו: וּכְמוֹ שֶׁאָמַר אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְאֶחָד, אַתָּה בִּלְעָדַי אֵינְךָ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל, (דְּהַיְנוּ לְתַקֵּן נַפְשׁוֹ בְּעַצְמוֹ) אֲבָל גַּם אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאִם אַתָּה לֹא תַעֲשֶׂה כְּלָל בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר לִי לַעֲשׂוֹת עֲבוּרְךָ הַכֹּל, כִּי הָאָדָם הוּא בַּעַל בְּחִירָה וְאִי אֶפְשָׁר לְהַעֲלוֹתוֹ כִּי אִם כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה הִתְעוֹרְרוּת מֵעַצְמוֹ.

[מה] תהלים קיט, עד.

"'יֵרְאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ' איז מקויים געווארן!" - ר' נחמן איז פון די 'יראיך'; אבער "ווי נעמט מען דעם 'כִּי לִדְבָרְךָ יִחָלְתִּי'?!".

פארוואס איז 'יראיך יראוני וישמחו'? ווייל 'כי לדבריך יחלתי' - דערפאר איז 'יראיך יראוני וישמחו'; איז "יראיך יראוני וישמחו' איז מקויים געווארן, אבער ווי נעמט מען דעם 'כי לדברך יחלתי'?!".

דאס אז ער האט געהאלטן אינמיטן קערן און אפגעלאזט דעם בעזעם, דאס איז שוין א צוגעלייגטע זאך.

(ר' אברהם יארבלום: ר' נחמן האט געוואוינט אזויפיל יארן אין אומאן כמעט אליין!) ר' נחמן האט געוואוינט אכצן יאר אין טולטשין, אכצן יאר אין ברסלב, און אכצן יאר אין אומאן.

(ר' אברהם: די אכצן יאר וואס ער האט געוואוינט אין אומאן איז דאך נאכנישט געווען אונזערע לייט אין אומאן) עס איז געווען עטליכע מענטשן, נאר עס איז געווען צושפרייט, עס איז געווען זייער צושפרייט די מענטשן.

דעמאלט איז ר' נחמן חיה'לעס (נכד רבינו) ארויס קיין אומאן פון טולטשין, און ר' יוסף יונה (בן מוהרנ"ת) איז געווען אין אומאן, ער ליגט אין אומאן, דאס לעצטע יאר איז ער געווען אין אומאן; און נאך, ר' אברהם לייב[מו] - איינער א גרויסער עובד ה', איז אויך געווען אין אומאן. געוועגטליך (- פארשטייט זיך), עס איז נישט געווען אזוי ווי שפעטערדיגע יארן.

ר' נחמן איז געוועזן א געוואלדיגער 'הצנע לכת'. ביי אים איז געווען א קאמער וואס מען האלט דארטן האלץ, דארטן האט ר' נחמן זיך מתבודד געווען, דארטן איז געווען זיין ארט.

(ר' מאיר: וואו? אין אומאן?) יא, דארטן וואו ער האט געוואוינט. ר' נחמן 'בטבעו' - האב איך געהערט - איז געוועזן א 'שטילער'.

❖

---

[מו] נראה כוונתו, לר' אברהם לייב ב"ר פרץ, חתנו של ר' שכנא בן מהרנ"ת.

(השואל: ר' נחמן האט נישט געוואלט לערנען פאר דעם טשעהרינער רב?) **ווער זאגט דאס?! ווער זאגט דאס?!** (- רלוי"צ הבין כרגע מהשואל ששואל לגבי הספרים של הרב מטשעהרין) (השואל: איר האט דאס דערציילט!) **ער האט אזוי געזאגט: "אוי, מען וועט אויפהערן לערנען פון רבי נתן'ס לשון!".**

**ווען עס איז ארויס דער 'קיצור ליקוטי הלכות'**[מז] **אויף אלע חלקים** (אחד הנוכחים: דער 'ליקוטי עצות חדש') **האט ער א זאג געגעבן: "אוי, מען וועט אויפהערן לערנען פון רבי נתן'ס לשון!"**[מח].

(השואל: אבער איר פלעגט דערציילן אז דער טשעהרינער רב פלעגט זיך באהאלטן אונטער דער טיר כדי צו הערן פון ר' נחמן'ען לערנען) **ער האט זיך באהאלטן 'שלש סעודות' ווען עס איז שוין טונקל אז רבי נחמן זאל אים נישט זעהן** (- כי ר' נחמן טולטשינער לא רצה ללמוד בפניו של הטשעהרינער רב מפני כבודו).

**[דער טשעהרינער רב האט געזאגט: "רבי נחמן, פארוואס באהאלט איר זיך פאר מיר? אז איך הער פון אייך א דיבור האב איך א פירוש אין ליקוטי מוהר"ן!".**

**ר' נחמן פלעגט נאכזאגן וואס ער האט געהערט פון רבי נתן'ען. "אז איך הער פון אייך, האב איך א פירוש אין ליקוטי מוהר"ן!".**

**דער טשעהרינער רב איז דאך אזוי גרויס - ווי קען דאס זיין? דאס איז עס. דער טשעהרינער רב האט באדארפט הערן פון ר' נחמן'ען א דיבור].**

❖

---

[מז] הנדפס כיום בשם 'אוצר היראה'.

[מח] כוונתו שטוב אשר תאחז בזה וגם מזה אל תנח ידך דהיינו לעסוק בכל יום בספרי ליקוטי הלכות בעצמן שבודאי ענין גדול מאד ללמוד מלשונו הק' של מוהרנ"ת ז"ל בעצמו. וכמו שכותב הגה"ק הרב מטשעהרין בהקדמת הקיצור שלו, שעשה חיבורו ע"ד מה שעשה מוהרנ"ת הליקוטי עצות על הליקוטי מוהר"ן להאיר ולקרב הדברים גם לכל המדריגות שבישראל, לזכות את הרבים בהעניינים הנפלאים שבדרושי הליקוטי הלכות המוכרחים מאד לבני אדם להתקרב על ידם לה' יתברך, ומי שיש לו פנאי בודאי אל יסתפק בהם רק יעיין בפנים בספרי ליקוטי הלכות בעצמן ואשר על כן רשם אצל כל אות שבחיבורו מקור מוצאו מאיזה הלכה ומאיזה אותיות שבהלכה העתק אותם עיי"ש. וראה גם 'תמימי דרך' מה שכתב רלוי"צ לידידו החסיד ר' צבי יוסף וואסילסקי ז"ל (מכתב ע"ז): "מה שאתה מסופק אם אתה יוצא בלימוד ליקוטי הלכות כשאתה לומד הקיצור, בודאי ענין גדול מאד ללמוד לשונו הק' של מוהרנ"ת ז"ל".

(השואל: ווער איז געווען דער טאטע פון ר' נחמן חיה'לע'ס?) **ר' זלמן, דעם רבי'נס איידעם. עס שטייט דאך אלץ** (בימי מוהרנ"ת בכמה מקומות[מט]): **"ר' יעקב יוסף" "ר' יעקב יוסף"** (ליובארסקי)**, דאס איז געווען דעם רבי'נס מחותן, ר' זלמן'ס טאטע.**

(השואל: איז ער אויך געווען פון דעם רבי'נס מענטשן - דער ר' יעקב יוסף?) **יא, אוודאי. דאכט זיך עס שטייט דארטן אז דער רבי איז געווען דארטן אין זלאטיפאליע, דער רבי איז ארויסגעגאנגען מיט דעם "שערי ציון" א גאנצן טאג, דאכט זיך ר' יעקב יוסף ווערט דעמאלט דערמאנט[נ]; ער איז געווען פון די גרויסע מענטשן.**

(ר' מאיר: און דער ר' זלמן איז אויך געווען א גרויסער מענטש?) **יא יא, נאר ער איז נפטר געווארן זייער יונג.**

**ר' נחמן חיה'לעס האט געהאט צוויי זין, ר' יעקב יוסף, און נאך א זון אַן עלטערער זון, האט ער געהייסן ר' זלמן, נאכן טאטן. אויף דעם ר' זלמן האט מען געזאגט אז ער האט דער צורה פון רבי'ן, ער איז געווען א בחינה פון רבי אלעזר בן חרסום[נא] - דער ר' זלמן** (תורה וגדולה)[נב]**.**

---

[מט] עיין שם אותיות פ"ד צ"א צ"ה, ושם חלק שני אות ל"ג.

[נ] עיין שיחות הר"ן אות קס"ג, וסיים אז שם רבינו בזה"ל: וְאַתֶּם וְרַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף אִם תִּרְצוּ אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת מִכֶּם צַדִּיקִים כָּמוֹנִי בְּעַצְמִי. ועיין חיי מוהר"ן אות תמ"א שגם המשל שסיפר רבינו 'ממלך שציוה לבנו ליקח אבן גדול ולישא אותו על עליית ביתו' שגם זה סיפר רבינו לר' יעקב יוסף.

[נא] עיין גמ' יומא דף ל"ה ע"ב.

[נב] רלוי"צ עוד הכירו באומן. ועיין עוד אודותיו בשיש"ק (חדש) ח"א, אותיות תפ"ד-תפ"ו.

# על הטוב יזכרו ידידנו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

הרב **מרדכי לייפער** שליט"א (מאנסי)
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

מו"ה **יואל זילבערשטיין** הי"ו (קרית יואל)
לרגל אירוסי בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן **מינדל** לרפו"ש

# לזכרון בהיכל ה'

מו"ה **יצחק יעקב** ב"ר
**מרדכי הלוי** ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת **פיגא רבקה** בת
ר' **חיים צבי** ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מרת **רוחמה שרה** בת
ר' **יצחק** ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

ר' **מנחם מענדל**
ב"ר **יעקב יהושע** ע"ה

הרה"ק רבי **שבתי** בן
רבי **מאיר** ע"ה

רבי **שמואל מאיר** בן
רבי **אהרן משה** ע"ה

הרבנית **פריידא** בת
רבי **מרדכי** ע"ה

מו"ה **יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים